# באַהעל מיך נישט

באַהעל מיך נישט מיט זון און טאָג.
כ'בין שוין מיד פון ליכט און שיין.
אַ ווינקל נאַכט וועט זיין גענוג
און לאָז מיר דאָרטן זיין.

כ'וועל אָפּהיטן דאָס מינדסטע ליד
ווי יעדעס וואָרט וואָס איז מיר נאָענט
אָטעמט מיט אַ פּיין
אין וואָס איך בין נאָך נישט דערקאָנט.

פאַרקנעט מיך, ווי דער טעפּער דאָס ליים,
אין דעם גורל פון מיין היים.

פאַרטייטש מיר נאָכאַמאָל דעם פּשט
פון דער מעשה וואָס דערציילט
פון אַ חסידות־פרייד, וואָס האָט
געהיילט די עצבות פון דער וועלט.

פון אַן עלטערזיידן וואָס זיין ליבשאַפט
האָט געשטראַלט ביים מינדסטן נייג —
ווי אַ בלאַסער אָפּשיין אין דער ווייט
פאַרשווינדט עס פון מיין מידן אויג.

פאַרקנעט מיך, ווי דער טעפּער דאָס ליים,
אין דעם גורל פון מיין היים.



כ'זע מיין עלטערזיידן שטיין
אויף אַ שפּיץ פון קרעטשמע־דאַך.
דער פריץ — אונטן — שטינקט מיט בראָנפן
ער האַלט אַ ביקס אין האַנט און לאַכט.

ער זשמורעט־צו אַן אויג און צילט
טוט דאָס צינגל פון דער ביקס אַ צי.
מיין עלטערזיידע צעשפּרייט די הענט
און טוט ווי אַ פויגל אַ פלי.

פאַרקנעט מיך, ווי דער טעפּער דאָס ליים,
אין דעם גורל פון מיין היים.

כ'באַדאַרף דאָך גאָר נישט קיין מגילות
אויפצוויקלען פון יענעם דור
מיין עלטערזיידע ווי אַ פויגל
פליט אַרום נאָך אין מיין וואָר.

זיינע פּאָלעס — שוואַרצע פליגל
נאָר זיין גלויבן גאַנץ און פרום.
פאַר אים האָט הימל אין גאָט געזונגען,
פאַר מיר איז אַלץ שוין שטום.

פאַרקנעט מיך, ווי דער טעפּער דאָס ליים,
אין דעת גורל פון מיין היים.

פאַרטייטש, מיר נאָכאַמאָל דעם פּשט
פֿון דער מעשה וואָס דערציילט
פֿון אַ וואַסערטרעגערס טרים.
פֿון אַ בעל-שם-טוב אויפֿן פֿעלד.

וואָס גייט מיט יום-טובֿדיקע טריט
תּפֿילה טאָן מיט גראָז און זאַנג
און טייטשט דעם פּשט פֿון וועלט —
ליבשאַפֿט און געזאַנג.

פֿאַרקנעט מיך, ווי דער טעפּער דאָס ליים,
אין דעם גובֿל פֿון מיין היים.